# מענדי קאהן:
# דער שטענדיק-יונגער 'מאטאר' פון "יונג-יידיש"

על פי דין און העפלעכקייט, וואלטן מיר זיך געדארפט מטריח זיין צום גרינדער און לייטער פון "יונג יידיש". אבער על פי באקוועמלעכקייט, אין דער וואך פון די וואלן, האט ער זיך גענומען די מי און איז אנגעקומען אויף א באזוך אין דער רעדאקציע פון לעצטע נייעס.

דעם אמת געזאגט, וואלט מען מיט מענדי קאהן געקאנט מאכן אן אינטערוויו יעדע וואך - און עס וואלט נאך אלץ געבליבן א סך וואס צו שרייבן וועגן אים, וועגן זיינע אויפטוען און געוויס וועגן זיינע פלענער. ער איז א יאט מיט א דינאמא אנשטאט א הארץ. ער לויפט ארום אומדערמידלעך פון איין אויפטו צום אנדערן און קיינמאל איז עס אים נישט גענוג, ער שטרעבט נאך אלץ אויף מער, אויף ווייטער, אויף העכער.

מיט יארן צוריק איז ער אנגעקומען אין "קול ישראל", געוואלט ווערן א דיקטאר און רעדאקטאר, ווען ער האט שוין הינטער זיך געהאט א גאנצע ריי מעשים טובים, פאר יידיש און יידישער קולטור. פון דעמאלט האט ער זיך נאך נישט אפגעשטעלט - אויסגעוועזן אויף אלע קאנטינענטן, ווו עס איז נאר דא יידיש אין ווארט און אין דרוק. ביז ער איז צוריקגעקומען אהיים, קיין ישראל. דא האט ער געגרינדעט "יונג יידיש", דער איינציקער טעטיקער און שפרודלדיקער יידיש-פאריין אין לאנד, פול מיט שפעפרישער יוירונג, מיט אזוי פיל יוגנט-ענערגיע ווי רייפן אויסדויער. דאס אלץ, אויסער זיין אייגענער קינסטלערישער סטרונע - ער איז א כאריזמאטישע בינע-פיגור, מיט א גאר אייגנארטיקן סטיל פון אינטערפרעטירן און באנייען מאטעריאלן פון אלטן יידישן אוצר און זיי צוזאמענפלעכטן מיט היינט-צייטיקן יידישן און אויף יידיש איבערגעזעצטן מאטעריאל, אזוי ווי עס וואלט נאר געווען נאטירלעך דאס צו טאן. וועגן זיין אייגענעם קינסטלערישן שאפן, וועלן מיר שוין געפינען א געלעגנהייט זיך דורכצושמועסן. אונדזער היינטיקן געשפרעך האבן מיר געווידמעט נאר דער געזעלשאפטלעכער ארבעט פון מענדי קאהן, ביים אפצייכענען דעם ערשטן יארצענדליק פון "יונג יידיש".

**לעצטע נייעס:** הייסט עס, אז עס איז ביי אייך יום-טוב היינט...

**מענדי קאהן:** לעצטן דאנערשטיק, דעם 23-סטן יאנואר, האט מען געפייערט 10 יאר זינט דער גרינדונג - דער אפיציעלער גרינדונג - פון "יונג-יידיש". דעם 25-סטן יאנואר 1993, האבן מיר באקומען דעם אפיציעלן שטעמפל אלס 'עמותה', אלס פאריין. געקומען צום אוונט זיין מענטשן פון כלערליי שיכטן: אינטעלעקטואלן, אלט און יונג, מענטשן פון אוניווערסיטעט, עמך, פרומע און פרייע - אזוי ווי שטענדיק: די קאסמאפאליטישע אטמאספערע פון אפנקייט, וואס כאראקטעריזירט "יונג-יידיש". און אלע האבן געפייערט און זיך געפרייט מיט "יונג-יידיש". עס זיינען געווען אויפטריטן פון קינסטלער, אזוי ווי שרון בערנשטיין, טאמי שווארץ, נאיר טשעטשיק, עס האבן אויך גערעדט אקאדעמיקער ווי ד"ר מיכל גוברין, ד"ר נאווערשטערן, אברהם קעסטלער און עס זיינען געווען מענטשן פון פארשיידענע צייטונגען, וואס זיינען געווען פארינטערעסירט. עס איז ביי אלעמען געווען א פרייד פון קולטור. איך האב געשעפט א סך נחת. און אלע אנדערע אויך, מסתמא.

**ל"נ:** ווי אזוי ביסטו בכלל געפאלן אויף דעם געדאנק, טאקע מיט צען יאר צוריק?

מ"ק: איך בין דעמאלט געווען א סטודענט אין העברעישן אוניווערסיטעט. איך האב שטודירט אויף א צווייטן טיטל, ביי פראפ' שמערוק, טורניאנסקי, נאווערשטערן. און דער גאנצער עניין מיט יידיש האט מיך זייער געשטערט, ס'האט ביי מיר געגרילצט - דווקא אין אונדזער היימלאנד, אין אונדזער מדינה, איז פונקט יידיש נישט אנגעקומען ווי געהעריק. מ'האט יידיש נישט געגעבן א בכבודיקן פלאץ. און מיך, אלס ליבהאבער פון קולטור און פון יידישקייט, האט עס מיך געשטערט. האב איך געטראכט, אז עפעס מוז מען טאן צו זוכן א תיקון. איך האב דעמאלט געארבעט אין די יידיש-אודיציעס אין ראדיא. האב איך געלאזט וויסן, אז ווער עס האט יידישע ביכער זאל ער זיי פאר אונדז אפהיטן. מיין מחשבה איז געווען, אז אויב איך וועל צונויפזאמלען ביכער - דאס הייסט דאך אויך טרעפן זיך מיט די מענטשן, וואס האבן מיט זיך געבראכט די קולטור - וועט מיר גלונגען צו בויען א בריק צו אלע וואס זיינען און וועלן זיין פארינטערעסירט אין יידישער קולטור. דאס איז נאך געווען א סך יארן איידער עס איז געווען אין לאנד א געזעץ וועגן יידיש, איידער עס איז געווען א נאציאנאלע יידיש-אינסטאנץ... און אזוי האט עס זיך טאקע אנגעהויבן. כ'האב אנגעהויבן צו זאמלען ביכער, קודם ביי מיר אין דער דירה, ביים סאמע אנהויב. ס'האבן זיך אנגעזאמלט 6,000 ביכער, 12,000 ביכער. און איך האב דערווייל געמאכט א גרויסן רעש, א טומל: כ'האב געבראכט די ביכער צום "יריד הספרים", אנגעהויבן צו ארגאניזירן אויסשטעלונגען. אלץ מיט די כלים


מענדי קאהן ביי אן אויפטריט אין "יונג-יידיש". ירושלים

וואס כ'האב געהאט - אבער דעמאלט האב איך געהאט א סך ענערגיע, ווייל דעמאלט בין איך יונג געווען.

**ל"נ:** מ'קען מיינען, אז היינט פעלט דיר ענערגיע...

**מ"ק:** בעצם, האט זיך "יונג יידיש" אנגעהויבן לאנג פאר דער גרינדונג פון פאריין. מ'דארף גוט פארשטיין דעם קאנטעקסט פון יידיש אין ישראל, אין יענע צייטן. איך האב אנגעהויבן ארבעטן מיט די אמעריקאנער, כדי צו געפינען א תיקון און נישט צו רעדן וועגן אים. כ'האב זיך צונויפגערעדט מיט לאנסקין, וועלכער האט געשאפן אין אמעריקע דעם "National Yiddish Book Center" און מיר האבן געשמועסט, א זיי וועלן מיר העלפן, אז איך זאל קאנען אויפבויען אזא ביורא, אזא ארגאניזאציע, אין ישראל. זיי האבן טאקע געהאלפן און אזוי האב איך געקאנט ארבעטן אין ישראל. אמעריקע איז אבער אן אנדערע קולטורעלע סביבה, אויך לגבי יידיש. האבן זיי דערפילט, אז ישראל איז פאר זיי צו קאמפליצירט: דא דארף מען אנהויבן אויפקלערן דווקא די יידן, אז יידיש איז א וויכטיקע זאך און נישט קיין קלייניקייט. אין אמעריקע, אויף ענגליש, איז עס א סך לייכטער געגאנגען. האבן זיי געזען, אז דא איז צו שווער פאר זיי און מיר האבן זיי געזאגט: "פארמאך די בודקע און שיק די ביכער אהער קיין אמעריקע". איך האב געזאגט: איך שיק נישט. די ביכער זיינען אנגעקומען קיין ישראל פון ווילנע, פון ווארשע, פון ארגענטינע, פון אמעריקע, פון זיד-אפריקע. די ביכער האבן געמאכט דעם וועג אהער, אזוי ווי אונדזערע נשמות, אזוי ווי די מענטשן, וואס האבן זיי געבראכט. די ביכער געהערן אהער. האב איך זיך געוואנדן צו די יידישע ארגאניזאציעס און אנגעהויבן צו רעדן מיט זיי. איך האב זיי געזאגט: כ'האב שוין צונויפגעזאמלט א 20,000 ביכער, איך האב שוין ארום דעם געמאכט "א שטיקל הו-הא" - נעמט עס איבער. איר וועט איבערנעמען דעם פראיעקט און איך וועל פאר אייך ארבעטן א גאנץ יאר: מיר וועלן צוזאמען זוכן געלט, איך וועל אויך בייטראגן, מיר וועלן רעדן מיט אמעריקע, אז זיי דארפן ווייטער שטיצן און דעם גאנצן קרעדיט קאנט איר נעמען פאר זיך. זאל עס געהערן צום "דור המשך", צי צום "וועלטראט פאר יידיש", צי זאל עס הייסן "בית לייוויק". נעמט און פירט עס ווייטער, ס'איז א וויכטיקע זאך. אלע האבן מיר געפאטשט אין פלייצע, געזאגט: "ס'איז א שיינע ארבעט". גענומען האט עס קיינער נישט. האב איך געזאגט, אויב ס'איז נישטא קיין ארגאניזאציע, וועל איך דארפן בויען אזא ארגאניזאציע. האב איך געמוזט אויפשטעלן "יונג יידיש", מיט א פאר חברה. איצט האט מען שוין געהאט אן ארגאניזאציע, ביכער האט מען אויך געהאט. און איך האב זיך פארגעשטעלט, מיט מיין נאיוון, פאזיטיוון צוגאנג, אז אין א יאר-צוויי ארום, אז איך וועל זאגן, אז איך ארבעט פאר יידיש, וועט מען העלפן. די רעגירונג, די שטאט-פארוואלטונגען. צען יאר שפעטער בין איך שוין קלוגער געווארן.

ביז דעמאלט האב איך געזאמלט ביכער אין דער היים - א סטודיא פון 20 קוואדראט מעטער. מיט 6,000 ביכער איז זי שוין געווען איבערפולט. האב איך גענומען א דירה אויף רח' אילת, אין נחלאות [איינער פון די עלטסטע קווארטאלן אויסער די מויערן פון דער אלטשטאט, אין ירושלים - ל"נ]. דאס איז געווען נישט ווייט פון מארק "מחנה יהודה". פון די צוויי-א-האלב צימערן, איז איין צימער געווען די ביבליאטעק. ס'איז שוין געווען א שטיקל יש, עס פלעגן קומען מיינע קאלעגן, סטודענטן. עס איז דאך ניט געווען ווו צו געפינען יידישע ביכער, אויסער אין תל-אביב אויף רח' ברנר (און אויך דארט האבן זיי מער זייערע אייגענע ביכער, וואס זיי גיבן ארויס). און קיין יידיש ביכער-געשעפט איז דאך נישט געווען. מיך האט עס ניט געלאזט רוען. האב איך ווייטער געזאמלט ביכער. קיין אויטא האב איך נישט און קיין


מענדי קאהן

בודזשעט אויך נישט ( ווייל אמעריקע האט אויפגעהערט צו שטיצן). געשלעפט די ביכער, מיט א פאר חברים, דא מיט אן אויטאבוס, דארט מיט א וואגן... כ'האב שוין ווידער נישט געהאט ווו צו וווינען: אלץ איז געווען פול מיט ביכער. האב איך געמוזט געפינען א סקלאד. געפונען האב איך דעם מחסן. טאקע דעם היינטיקן. אויף ירמיהו 52. דאס איז דאס ביליקסטע פלאץ וואס מען האט געקאנט געפינען: 250 דאלאר א חודש. דאס האב איך גענומען אויף מיר. קיין וואסער איז נישט געווען, קיין עלעקטריע אויך נישט, גאז אוודאי נישט - בעטאנענע ווענט מיט אויסגעבראכענע שויבן און א דיל פון זאמד. אלע מעלות. אבער א פלאץ איז עס. מיר האבן אנגעהויבן ארבעטן צו ביסלעך, נאר מיט חברים, נאר אן געלט. מ'האט געשלעפט זעק מיט צעמענט, שטיינער. מען האט דאך געדארפט צובויען דאס נויטיקע צו האלטן דארט די ביכער. קיינער האט נאך נישט גערעדט וועגן א קולטור-צענטער, וועגן א ביבליאטעק. מ'האט נישט געקענט אויפהערן זאמלען די ביכער: "הפותח במצווה, אומרים לו גמור". כ'האב שוין צופיל געזען יידישע ארגאניזאציעס, וואס הייבן אן אן ארבעט און זיי שטעלן זיך אפ. איך זע אפילו צייטונגען, נאכן חורבן, זיי הייבן אן דערשיינען , איין נומער נאכן אנדערן. נומער 4 גייט שוין ארויס שפעט און קיין נומער 5 איז נישטא. ביי אונדז גייט אן דער המשך. דער עיקר מיט חברים. עמי האלצמאן, דער ארכיטעקט, וואס האט געהאלפן בויען א לופט-פארט אין נגב, האט אונדז געהאלפן. כ'האב אים געזאגט, אז מיר דארפן סיי א ביבליאטעק און סיי א פלאץ, כאטש עס איז ביי אונדז שוין נישטא קיין ארט. קיין געלט האבן מיר אוודאי נישט. איך האב זיך ארומגעדרייט מיט א געדאנק וועגן ביכער-פאליצעס מיט רעדלעך, אויף רעלסן. האט ער געבראכט זיינע חברה און

(המשה אויף זייט 12)